

תורת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורותו

משתעגע'ן ומתלהטין ב
# תורת האור החיים הקדוש

פרשת חיי-שרה תשפ"ד | גליון פט

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח ר' יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### די צדיקת רבקה ווייזט אונז וויאזוי צו טון חסד מיט שכל מיט הארץ און געפיל

אין די וואכעדיגע פרשה זאגט אונז די תורה הקדושה אז אליעזר עבד אברהם האט זיך געמאכט א סימן ווער די פאסיגע שידוך פאר יצחק אבינו איז, וואס זי זאל זיין ראוי אז פון איר זאל זיך בויען א המשך פאר'ן הייליגן עם הנבחר זרע אברהם יצחק ויעקב.

די תורה שרייבט דעם סימן (כד, יד); "**וְהָיָה הַנַּעֲרָה אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ הַטִּי נָא כַדֵּךְ וְאֶשְׁתֶּה וְאָמְרָה שְׁתֵה וְגַם גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה**" - אזא מיידל איז א צוגעפאסטע שידוך פאר אברהם אבינו'ס משפחה. און נאכדעם שטייט אז רבקה איז געקומען און אנגעטרונקען אליעזר מיט זיינע קעמלען ביז אליעזר איז געשטאנען ערשטוינט צו זען וויאזוי דער אויבערשטער פירט אים אויפן ריכטיגן וועג.

זאגט דער רבי, אז אין די פסוקים טרעפט מען עטליכע זאכן וואס ברענגען ארויס די ספעציעלע מעשה חסד פון רבקה אמנו, וויאזוי זי האט זיך משתדל געווען דאס צו טון מיט די גרעסטע שלימות און מיט'ן גאנצן הארץ.

די ערשטע זאך, "**זיך פלאָגן אויף חסד**". ווען רבקה האט געגעבן צו טרונקען פאר אליעזר שטייט (פסוק יח); "**וַתְּמַהֵר וַתֹּרֶד כַּדָּהּ עַל יָדָהּ וַתַּשְׁקֵהוּ**" - אז זי האט זיך מטריח געווען פאר די מצוה, און זי האט נישט געלאזט אליעזר האלטן דעם קריגל טרונקענדיג, נאר זי האט עס געהאלטן "**על ידה**" - אויף אירע הענט, "**ותשקהו**" - און זי האט אים אנגעטרונקען, נישט לאזנדיג פאר אליעזר אפילו בלויז די קליינע טירחה פון צוצובייגן דעם פלאַש ביז'ן מויל.

די צווייטע זאך, "**מיט א ברייטהארציגקייט**". אין פסוק שטייט (פסוק יט) "**וַתְּכַל לְהַשְׁקֹתוֹ וַתֹּאמֶר גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב**" - אז זי האט נישט גערעדט פון די קעמלען ביז ווען אליעזר אליינס האט געענדיגט טרונקען. ווייל זי האט געוואוסט אז אויב זי וועט גלייך פארשלאגן אנצוטרונקען אויך די קעמלען, וועט אליעזר איר נישט וועלן אזויפיל מטריח זיין און ער וועט זיך פארמיידן פון צו טרונקען וויפיל ער דארף. דערפאר האט זי קודם אים געלאזט טרונקען וויפיל ער דארף, און נאר ווען ער האט געענדיגט האט זי זיך אנגעטראגן צו געבן אויך פאר די קעמלען.

דריטנס, "**חסד מיט רחמנות**". צולייגן קאפ אז דער חסד זאל זיין פונקט מיט די ריכטיגע מאס, אזויווי מיר זעען דא (פסוק יט) אז ביי אליעזר שטייט "**וַתְּכַל לְהַשְׁקֹתוֹ**" - **אז זי האט אים געענדיגט אנטרונקען**. ווייל רבקה האט מורא געהאט אז אליעזר וואס קומט דא אָן פארמאַטערט פון א וועג וועט זיך נעמען טרונקען צופיל נישט כאפנדיג ווען זיך אפצושטעלן, און צופיל טרונקען אין אזא מצב קען מזיק זיין. וועגן דעם האט די צדיקת רבקה אויסגערעכנט וויפיל וואסער ער מעג יעצט טרונקען, און ווען ס'איז אנגעקומען צו דעם מאָס "**האט זי אים געענדיגט געבן**".

אבער כדי אליעזר זאל נישט מיינען אז זי הערט אויף ווייל ס'איז איר שוין שווער, האט זי גלייך צוגעלייגט "**וְגַם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב עַד אִם כִּלּוּ לִשְׁתֹּת**" - אז די קעמלען גייט זי ווייטער אנטרונקען **ביז זיי וועלן ענדיגן טרונקען**. צו ווייזן אז דאס וואס זי גיבט אים נישט מער איז נאר **צוליב רחמנות** אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן, אבער פאר די קעמלען וואס ווערן נישט געשעדיגט פון צופיל טרונקען איז זי גרייט צו געבן וויפיל זיי וועלן נאר דארפן!

דאס איז טאקע די ריכטיגע זיווג וואס פאַסט אריין אינעם "**חסד שטוב**" פון אברהם אבינו, איינצופלאנצן אין די דורות ווייטער פון כלל ישראל נישט נאר בלויז דער עצם זאך פון טון חסד, **נאר אז די חסד זאל זיין ארומגעוויקלט מיט הארץ, מיט געפיל, און מיט שכל!**

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**גֵּר וְתוֹשָׁב אָנֹכִי עִמָּכֶם.** (כג, ד)
אברהם אבינו האט בכוונה געזאגט אז ער איז א "**גר**" און ער האט נישט געזאגט אז ער איז נאר א "**תושב**" אין זייער לאנד, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט האַלטן פאר **א תושב** בעולם הזה, ווייל דאס איז היפוך מידת הצדיקים וואס זיי האלטן זיך א גאנצן צייט ווי פרעמדע אויף דער וועלט.

•

**וַיָּקָם אַבְרָהָם וַיִּשְׁתַּחוּ לְעַם הָאָרֶץ לִבְנֵי חֵת.** (כג, ז)
פארוואס האט זיך אברהם אבינו געבוקט צו זיי נאך אינמיטן די געשפרעך? ווייל זיי האבן אים געהאט געזאגט פארדעם "**נשיא אלקים אתה בתוכנו**" אז זיי קוקן אים אן ווי א געטליכער האר, האט זיי אברהם אבינו גלייך געוויזן אז ער האלט זיך בכלל נישט פאר א הערשער איבער זיי, פונקט פארקערט, ער האלט אז ער דארף זיך בוקן צו זיי ווייל זיי זענען מער מכובד'יג ווי אים.

•

**וְאַחֲרֵי כֵן קָבַר אַבְרָהָם אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ... וַיָּקָם הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְאַבְרָהָם לַאֲחֻזַּת קָבֶר...** (כג, יט-כ)
די תורה זאגט דא איבער צוויי מאל אז די פעלד מיט די מערה איז אריבער צו אברהם'ס באזיץ, צו זאגן אז אברהם האט געטון אלע קנינים וואס פעלט אויס קונה צו זיין די פעלד. ווייל דער רמב"ם פסק'ענט (הל' זכיה ומתנה פ"א הי"ד) אז א איד וואס קויפט א שטח פון א גוי, איז גלייך ווען דער גוי באקומט דאס געלט גייט עס ארויס פון זיין באזיץ, און דער איד איז דאס קונה ווען ער באקומט די שטר מכירה אין זיין האנט.

אויב אזוי, גלייך ווען אברהם האט באצאלט פאר עפרון 400 שקל כסף - איז דאס פעלד געווארן אויס עפרון'ס, און נאכדעם האט אברהם געמאכט א קנין דאס אריינצונעמען אין זיין באזיץ, וועגן דעם האט ער געמאכט א "חזקה" אין די פעלד מיט דעם וואס ער האט דארט מקבר געווען שרה.

לויט דעם גייט די סדר הפסוקים, אז די פעלד איז אריבער צוויי שטאפלען אין דעם קנין; קודם האט אברהם געגעבן ארבע מאות שקל כסף פאר עפרון, אזוי איז דאס ארויס פון עפרון'ס האנט. און "**ואחרי כן**" נאכדעם "**קבר אברהם את שרה אשתו**" האט אברהם אבינו געמאכט א קנין "חזקה" דורכן מקבר זיין דארט שרה, ווייל פאר ס'איז ארויס פון עפרון האט ער דאך נאכנישט געקענט זוכה זיין אין דעם, און נאך די חזקה, "**ויקם השדה... לאברהם לאחזת קבר**" - איז די פעלד אריין צו די רשות פון אברהם.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו:torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### כמה הערות בדיני דבר מצרא במערת המכפלה

**וַיִּתֶּן לִי אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה וגו'** (כג, ט): עוֹד יֵשׁ לָחוּשׁ שֶׁמָּא יְעַרְעֲרוּ אַחַר הַמֶּכֶר מִדִּין הַמֶּצֶר אוֹ שֶׁיֵּצֵא אַחַר כָּךְ שְׁטַר שִׁעְבּוּד עַל הַקַּרְקַע הַהוּא וְיִטְרְפוּהוּ מִיַּד אַבְרָהָם, לָזֶה נִתְחַכֵּם לְתַקֵּן כָּל זֶה וְאָמַר לְשׁוֹן מַתָּנָה וּמֶכֶר, הַכַּוָּנָה בָּזֶה שֶׁיַּעֲשֶׂה אֹפֶן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ שְׁנֵיהֶם וְהוּא הַחֲלִיפִין,

<u>**רק בשדה העומדת לזריעה איכא בר מצרא:**</u> בספר **אילת השחר** עה"ת (להגראי"ל שטיינמן זצ"ל) העיר יפה, ע"ד רבינו מדברי התוס' (ב"מ קח, ב ד"ה ארעא) ד'דינא דבר מצרא' הוא דוקא בשדה העומדת לזריעה ולא בבתים, מהאי טעמא דבשדה יכול לטעון ולומר דיכול לחורשה כולה בבת אחת. ולכאורה גם במערה העומדת לקבורת מתים לא שייך דינא דבר מצרא, כיון דלא שייך טענה שרוצה בית קברות סמוך, ולמה אברהם חשש מטענה דבר מצרא.

ויש לתרץ: **א.** דאין הכי נמי דעל מקום קבורת שרה ליכא טענת בר מצרא, מ"מ הא איכא טענת בר מצרא על שאר השדה שקנה אברהם. **ב.** רבינו אזיל אליבא דהילכתא דלא קיי"ל כהתוס' (עיין בחו"מ סי קע"ה).

<u>**בקונה מעכו"ם ליכא דינא דבר מצרא:**</u> **בברכת שמעון** העיר מדברי הגמ' (ב"מ קח, א) דכשישראל מוכר לעכו"ם ליכא עליו טענת בר מצרא כיון דעכו"ם לאו בר 'ועשית הישר והטוב', וא"כ מה חשש שיטענו בר מצרא. ותירץ, שאברהם אבינו היה לו כבר דין ישראל עכ"פ לחומרא.

אמנם יש להעיר עוד מדברי הגמ' שם דבקונה מן העכו"ם ליכא דינא דבר מצרא, דיכול לומר לו שעשה לו טובה שהבריח את העכו"ם מגבולו והרי הוא כמו שהבריח את הארי משדהו, ואם כן כשקנה אברהם מעפרון נמי ליכא דינא דבר מצרא.

והאמת שרבינו גופיה מתייחס לזה בפרשת ויחי (מט, לב) בביאור דברי יעקב שאמר מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני חת, וזל"ק: אחר שרמז להם הקנאת זכות המערה לו לבדו, חזר על פרט אחד שישנו בערעור על המערה והם בני חת שיכולין לערער מדינא דבר מצרא, ויוציאנה מידם, והגם שכפי הדין אין דין המצר בלוקח מן הנכרי, זה דוקא אם המערער ישראל, והטעם כמו שאמרו בש"ס (ב"מ קח, ב) דאמר ליה אריה אברחי לך ממצרך, אבל במציאות שלפנינו אין טעם זה צודק, והנכרים יטענו דין המצר להוציא מיד בני יעקב. לזה אמר מקנה השדה מאת בני חת, באופן שאין להם דין בר מצרא, ועיין מה שכתבתי בפרשת חיי שרה עכל"ק.

והיינו דכשהמערער הוא גוי איכא שפיר דינא בר מצרא, דאין גוי אחר נחשב אצלו כארי שיוכל לומר לו שהבריח לו ארי מחצרו.

<u>**הרי אברהם שילם הרבה יותר מהמצרנים:**</u> בספר **חשוקי חמד** (ב"מ שם) הקשה על רבינו, שהרי אברהם אבינו שילם הון עתק על המערה, ואם כן גם בעל המיצר יצטרך לשלם לו סכום זה ומסתמא לא יעשה זאת, וכשהמצרן אינו חפץ לשלם הסכום שהלוקח חפץ לשלם ליכא להאי דינא, ואם כן מה חשש אברהם מטענת בר מצרא. ותירץ שכל פרטי ההלכות של בר מצרא לא נאמרו ולא שייכים **לאומות העולם**, שאינם מוזהרים כי אם בעיקר הדין ולא בכל הפרטים, ולכן היו המצרנים מעכבים גם אם לא היו משלמים כמותו. וציין ללשונו של התרומת הדשן (סי' של"ח) 'ובדיניהם נמי נוהגים דיני דבר מצרא במקצת'. ועיי"ש באריכות בענין זה.

<u>**במוכר לתלמיד חכם ליכא בר מצרא:**</u> בספר **שפתי צדיק** (אות ו') העיר דמבואר בשו"ע דבמוכר לתלמיד חכם ליכא דינא דבר מצרא, והטעם דבודאי יהיה להם טובה מזה, והם אמרו לו "נשיא אלקים אתה בתוכנו" ומוכח שודאי ידעו בערכו הרם [וכמו שפירש רבינו], וא"כ לא יכלו לטעון טענת מצרא.

אם כי יש להעיר דאברהם לא נתיישב לדור שם, שהרי מיד אחר קבורת שרה חזר לבאר שבע כמ"ש הרמב"ן (פס' ב'), וא"כ לא היה להם מתי ללמדם, ולא שייך הסברא שיהנו ממנו. אך עדיין י"ל שדרך הוא שאדם בא לפרקים לבקר ולשהות אצל נכסיו, ושפיר קשיא קושיית השפתי צדיק.

ותירץ, דכל השינוי אצל תלמיד חכם כיון דהוא ילמד אותם תורה שהיא יקרה ושווה מכל, וכאן לא שייך טעם זה כיון דאסור ללמד תורה לעכו"ם, ושפיר איכא בר מצרא.

אולם יש לציין מדברי התוס' (חגיגה יג, א ד"ה אין מוסרין) שהז' מצוות שלהם מותר ומצוה ללמדם, א"כ הרי יש גם לעכו"ם הנאה משכנותו של ת"ח שילמדם הז' מצוות. וי"ל דמ"מ אצלם אין התורה שוה ויקרה מכל, שהרי אינם משיגים כלל ערך התורה, שהרי כולם פה אחד מיאנו לקבלה בשעה ששאלם הקב"ה בשעת מתן תורה.

## אגדה וחסידות

### צדיק שכל ימיו חפץ בטוב ולא השלים ימיו, מקבל שכר כאילו חי כל אותן שנים

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה (כג, א):** וּלְמַה שֶּׁפֵּרַשְׁתִּי שֶׁעַל יְדֵי סִבַּת הַבְּשׂוֹרָה עָלוּ לָהּ חַיֶּיהָ פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁהָיוּ, יְכַוֵּן לְהוֹדִיעַ מִשְׁפַּט הַחֶסֶד אֲשֶׁר יִשְׁפֹּט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִידִידָיו, כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁלֹּא הִשְׁלִים יָמָיו לְסִבָּה יְדוּעָה, לֹא יִגְרַע ה' מִצַּדִּיק מַה שֶּׁהָיָה מַרְוִיחַ אִלּוּ חַי שָׁנָיו שְׁלֵמִים וְיַשְׁלִים לוֹ שְׂכָרוֹ עַל הַשָּׁנִים שֶׁלֹּא פָּעַל בָּהֶם דָּבָר, כִּי יֹאמַר אֵלָיו אִלּוּ הָיִיתִי חַי תַּאֲוָתִי הָיְתָה לְסַגֵּל דָּבָר טוֹב. וְהוּא אוֹמְרוֹ שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה, כִּוֵּן אֶל הַשְּׁאָר שֶׁכָּל שְׁנוֹתֶיהָ הָיוּ חַיִּים מִמֶּנָּהּ וְהֵאִירוּ מִכְּבוֹדָהּ.

בספה"ק **ישמח משה** הביא דברי רבינו, והערה מקורם בדברי המדרש (תנחומא תשא ג): "מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל" (קהלת ה, יא), אמר רבי לוי משל למה הדבר דומה, למלך ששכר פועלין למלאכתו, עם שהן עושין נטל המלך אחד מהן וטייל עמו. לערב באו הפועלין ליטול שכרן, בא אותו פועל שטייל עם המלך ליטול עמהן שכרו, ושמא יכול המלך לומר לו אתה לא עשית עמהם אלא שתי שעות טול כפי מה שעשית, אף הוא יכול לומר למלך אלולי אתה שבטלתני וטיילתני עמך היה שכרי מרובה.

וכך הקב"ה יתברך שמו 'המלך' זה הקב"ה, והפועלין אלו עמלי התורה, מי שיגע בתורה חמשים שנה ומי שיגע בתורה עשרים או שלשים, יכול לומר **אלולי שסלקתני הייתי עוסק בתורה**, לפיכך אמר שלמה אם מעט אם הרבה יאכל שמתן שכרן שוה, עכ"ל. ועיי"ש בישמח משה שנשא ונתן במשל זה.

**ובספר חסידים** (סי' רכ"ב) כתב: ואותן הנהרגים [על קידוש ה'] עודפים עליהם שכר, כנגד חיי עוה"ז שלא קבלו. ועולה מדת הדין לטעון כנגד הרשעים, אם היה מביאן לידי מחשבה ונסיון, שלא היו יכולים לעמוד, ולקבל פורעניות כנגד הנסיון שלא יוכלו לעמוד, ויכולים לומר הצדיקים שיש להם שכר, גלוי וידוע לך, **אם היינו באים לידי נסיון, היינו יכולים לעמוד** ולא היינו חוטאים, עכ"ל.

**ובמגדנות אליהו** (רובינשטיין, גליונות האוה"ח) הסמיך לדברי רבינו ממה שכתב הט"ז (יור"ד סי' שד"מ סק"א), על מה שכתב השו"ע שם שבהספד על המת אסור להפליג בשבחו יותר מדאי, אלא מזכירין מדות טובות שבו, ומוסיפין בהם קצת, רק שלא יפליג.

והקשה הט"ז, מה לי שקר מעט מה לי שקר הרבה, ותירץ, שדבר מסתבר הוא שכל מי שעושה איזה מצוה כגון צדקה וכיוצא בה באיזה שיעור בודאי אם היה בא לידו דבר הצורך קצת יותר ודאי לא היה מניח מלעשות גם אותו השיעור כי לא היה משחית בעבור דבר מעוט יותר וע"כ נחשב לו כאלו עשאו ואין כאן עדות שקר עליו. והוא כדברי רבינו [אלא שבאדם פשוט משערים שהיה עושה קצת יותר כמ"ש הט"ז, ואילו בצדיקים לפי מעלתם משערים שהיו עושים הרבה והרבה יותר, כמ"ש רבינו].

והוא ע"ד שאמרו חז"ל (ברכות ו, א) חישב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה. וכ"ק אדמו"ר בעל ה'שפע חיים' **מצאנז** זצוק"ל (דרוש פסח שני תשמ"ג) הסביר בזה שיטת הפוסקים שצדיקים אינם מטמאים במיתתם, דכיון שנחשב להם כאילו ממשיכים לקיים מצוות הרי הם ממש כחיים, ולא נאמר בהם 'במתים חפשי' כיון שמת אדם נעשה חפשי מן המצוות (שבת ל, א), והאריך בזה. ולפי זה מזוקק היטב לשון רבינו 'שכל שנותיה היו חיים ממנה' שגם שנים אלו נחשבים כאילו היא חיה ממש. וראה בשערי אורה (תשע"ג) מה שהביא בזה בשם כ"ק אדמו"ר הדברי יואל מסאטמר ז"ל.

וראה עוד **בדברי רבינו** פר' כי תשא (לא, טז): 'וכפי זה איש ישראל ששמר אפילו שבת אחת ומת אין מנכין לו משכר העולה לו אם היה שומר לדורות עולם'. ולהנ"ל הרי כוונתו מבוארת שיקבל שכר כאילו שמר כל השבתות של כל ימי עולם.


מתיקות ועריבות טוב התורה




מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.

להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

**מאמרים משובבי נפש להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש**

## קדושת הספר

לא לנו הזכות, אף לא יכולת הביטוי, להגדיר את קדושתו הנשגבה של הספר 'אור החיים', אשר סמוך להדפסת מהדורתו הראשונה כבר הכירוהו - לא רק כפירוש בהיר על התורה, אלא כספר קדוש שסגולתו רבה. בהסכמותיהם של גדולי הדורות למהדורותיו השונות של הספר, עיטרוהו בכתר של קדושה.

לדוגמא: הרה"ק רבי אריה לייב מוואלטשיסק זי"ע (תלמידו של הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע) בהסכמתו (למהדורת זאלקווא תקנ"ט), שציין את "הפירוש הקדוש 'אור החיים'", וכן הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע בהסכמתו למהדורת סלאוויטא תקע"ט, ובאותו לשון הרה"ק רבי ישראל מפיקוב זי"ע (בנו של הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע), וכיוצא בהם הרה"ק רבי ישראל מריז'ין זי"ע בהסכמתו למהדורת טשערנוביץ תר"י.

וכן במקומות שונים שהביאו מדברי רבנו בספריהם שייחסו תואר 'קדוש' לספרו [ראה ב'בת עין' (פרשת שמיני) להרה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע (תלמידם של הרה"ק רבי מנחם נחום מטשערנוביל זי"ע והרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע), שהביא מדברי רבנו וכתב: "ויעויין שם בלשונו הזך והקדוש ז"ל". דוגמא נוספת ב'מהר"ם שיק על התורה' (פרשת עקב), שהזכיר את ש"מובא בספר הקדוש 'אור החיים'"].

ורגילים היו כל גדולי ישראל, שכל אימת והזכירו את הספר 'אור החיים', צירפו ואמרו עליו 'הקדוש'. כי במקביל להיותו 'כתר הפשט' הגדירוהו כ'סמל הקדושה', כי קדשוהו שמים ורבנן בכל אתרא.

הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשויב זי"ע התבטא כי רק מחמת קדושתו המופלגת של הספר 'אור החיים' התירו להדפיסו ביחד עם החומש.

וראה ב'ויקח משה' (פרשת בשלח) להרה"ק רבי משה מראדוביץ זי"ע, שכתב: "הצצתי וראיתי את גודל מעלת קדושת פנימית הספר הקדוש 'אור החיים' על פסוק 'ד' ימלוך לעולם ועד', אשר טמון בקרבו חכמת אמת"].

ספרים בודדים התקבלו בעולם כולו שאין מזכירים אותם ללא שמוסיפים תיבת 'הקדוש', וגושפנקא שמימית זו אינה מושגת בגדר אנושי. יש אומרים, כי שלושה ספרים הם: 'אור החיים הקדוש' 'אלשיך הקדוש' ו'של"ה הקדוש', הגם שאין לכך מקור כתוב בספריהם של צדיקים, אך מציאות היא ואי אפשר להפריכה, ותא שמע מהמעשה בהרה"ק רבי יחזקאל שרגא משינאווא זי"ע, המתואר בשורות אלו.

מסופר, כי פעם שמע הרה"ק רבי יחזקאל שרגא משינאווא זי"ע את אחד החסידים המצטט מהספר 'תניא הקדוש' - להרה"ק רבי שניאור זלמן מליאדי זי"ע - וגער בו, באומרו כי אין קוראים 'קדוש' אלא לשלושה ספרים הנ"ל. לאחר מכן התחרט על שנבזק בדבריו שמץ של זלזול בקדושתו של בעל ה'תניא' והתענה בגין כך תעניות רבות ('עדן ציון' לרבי ישעיה הלוי הורוויץ ז"ל, ירושלים תשי"ג, ששמע מהאברך רבי חיים דוד ז"ל, מבני ישיבת 'חת"ם סופר' בצפת, ששמע בין חסידי צאנז).

מחמת קדושה נשגבה זו שיחסו לספר 'אור החיים', נמנעו צדיקים בדורות הקודמים מלהסכים על ביאורים שנכתבו לספר. רק בשנים האחרונות, כדי לקרב רבבות יהודים ללימוד בקביעות ב'אור החיים' הקדוש, התירו והסכימו לכך.

הוא אשר יסופר:

אל הרה"ק רבי מרדכי שרגא מהוסיאטין זי"ע הגיעו ביום אחד שני יהודים, ובפי שניהם בקשת הסכמה לספר שעמדו להוציא לאור. הראשון הכין וערך לדפוס את הספר 'פרקי הנאזר', על הלכות שחיטה בדרך החסידות, מכתבי הרה"צ רבי אליעזר שו"ב דזיטאמיר זצ"ל, על פי מה שקיבל מרבו הרה"ק בעל ה'אור המאיר' זי"ע. השני, היה תלמיד חכם מופלג שעמל וחיבר פירוש על הספר 'אור החיים' הקדוש.

הגבאי, החסיד רבי דודיא שוואגער ז"ל, שניצב על עמדו על פתח הכניסה לחדר הרבי, סבר בינו לבינו, כי מסתבר שהרבי ידחה את הבא לבקש הסכמתו לספר על הלכות שחיטה בדרך החסידות, שכן זהו ספר בלתי שגרתי, ואילו הספר השני יזכה להסכמתו בנקל.

מה רבה היתה הפתעתו, שהראשון התקבל בחביבות יתירה והתבטא על הספר 'פרקי הנאזר' שכולו נכתב ברוח הקודש, ואף התיר שיכתבו הסכמה בשמו (כי כן היה מנהגם של צדיקי בית ריז'ין, שהגבאי היה כותב בפקודת הקודש), ואילו המחבר השני נדחה מעם פניו בסירוב מוחלט.

לאחר שיצא, הפטיר הרה"ק מהוסיאטין: "המחבר הלז אינו מבין אפילו תיבה אחת מדברי ה'אור החיים' הקדוש" (הגדת 'מפי ספרים וסופרים' להגה"ח רבי אליעזר דוד פרידמן שליט"א, ששמע מהרה"ח רבי ליפא שוואגער ז"ל, נכדו של הגבאי רבי דודיא. במקום אחר הובא משמו, שגם הספר השני לא קיבל את הסכמת הרה"ק מהוסיאטין, בנמקו שנכתב כולו ברוח הקודש - ולא דק ותפוס לשון ראשון).

ועוד יסופר, כי הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן מפאפא (מונטריאול) זצ"ל הגה ברעיונו לערוך חיבור ופירוש על הספר 'אור החיים' הקדוש, ושיגר ציר שלוח לשאול את פי קדשו של הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע. נענה הרבי ואמר שיגידו לו, "ער זאל זיך אפלאזען דער פון" [שיניח ולא יעסוק בכך] (רשימות הרה"ח רבי משה אונגר שיחי', ששמע מפי הרב מפאפא).

גם אדם נוסף שבא ושאל בעצת הרה"ק מבעלזא, אם ללכת אחר נפשו שחשקה לערוך פירוש על ה'אור החיים' הקדוש, נענה באותו סגנון: "טוב יותר שתעשה פירוש על ספר אחר" ('בקדושתו של אהרן', בשם הרה"ח רבי מרדכי פעדער שיחי').

עוד לפני מלחמת העולם השניה, בשבתו על כס ממלכתו בבעלזא גופא, הגיע אליו הגה"ח רבי יחיאל מיכל האלענדער זצ"ל, מדייני העיר טארנא ומגדולי עדת חסידי בעלזא, והציג לפניו שני חיבורים שכתב, 'שו"ת אמרי כהן' ופירוש על ספר ה'אור החיים' הקדוש. אמר לו הרה"ק מבעלזא: "על התשובות אתן לך הסכמה, אבל הפירוש על ה'אור החיים' הקדוש זאלט איהר לייגן אין א זייט. דער 'אור החיים' הקדוש דארף נישט קיין פירוש" --- (רשימות הרה"ח רבי משה אונגר שיחי', בשם הרה"ח רבי שלמה האפמאן ז"ל. חיבור זה מוזכר גם ב'אנציקלופדיה לחכמי גליציה' (חלק ב') להרה"ח רבי מאיר ונדר שיחי').

מאידך, ראוי לציין לדברים שכתבו בני כ"ק האדמו"ר רבי ברוך מסערט-ויזניץ זצוק"ל, בהקדמת ספרו 'מקור ברוך', שהיה לאביהם חיבור ערוך ומוכן על הספר 'אור החיים' הקדוש ונאבד במלחמה [ראה המובא בספרנו 'נר המערבי', שאף אביו הרה"ק רבי ישראל מויזניץ זי"ע כתב הערות וחידושים על גליון ה'אור החיים' הקדוש שלו].

כאמור, דברים אלו שנאמרו לפני שנים רבות ראויים ומותאמים היו לשעתם, ולא כן בשנים אלו שהתירו גדולי ישראל ואף עודדו וחיזקו את אלו שמשמים הועידו להם מלאכת קודש זו - כאשר יסוקר עוד.

# די תורה פון אור החיים הק' ווערט געלערנט אין "מתיבתא דרקיעא"

**השלמות און שינויי גירסאות אויף די מעשה געברענגט דא פאריגע וואך איבער די 42 פשטים וואס דער אור החיים הקדוש האט מחדש געווען גייענדיג גלות...**

פארשידענע גירסאות זענען דא אויף די מעשה מיט די 42 פשטים פונעם אור החיים הקדוש אויף **"אם בחקותי תלכו"**. פאריגע וואך האבן מיר געברענגט די מערסט מקובל'דיגע גירסה, און להשלמת הענין וועלן מיר דא ברענגען נאך גירסאות, כאטש געוויסע פון זיי האבן נישט קיין געהעריגן מקור.

אן אינטערעסאנטע באצייכענונג ווערט געברענגט אינעם ספר **דברי הר"ב** (עמוד קנה) וואס הגה"צ ר' **בנימין מענדלסאן** זצ"ל אב"ד קוממיות האט דערציילט; אז ווען דער אור החיים הק' איז געזיצן ערב שבת אויפן פרייען פעלד און מחדש געווען די 42 פשטים, האט ער געהערט ווי א האלץ האקער שטייט דארט און האקט האלץ, זאגנדיג ביי יעדן קנאק: "לכבוד שבת קודש"! איז דער אור החיים הק' צוגעגאנגען צו יענעם איד און געפרעגט אויב ער קען זיין ביי אים צוגאסט אויף שבת? דער האלץ האקער האט מסכים געווען און אים געהייסן אריינלייגן די הענט אין זיין גארטל און אזוי מיטקומען מיט אים **"ווייל זיי דארפן אריבערגיין צו דעם צווייטן זייט סמבטיון דארטן וואו ער וואוינט"**.

ענליך צו דעם ווערט אויך געברענגט אינעם ספר **סיפורי יעקב** (הוסיאטין תרס"ד) פון ר' יעקב סופר מדאבראמיל ז"ל, און דארט איז ער מוסיף פארצושטעלן כיד הדמיון הטובה אז דער האלץ האקער איז געווען גאר א גרויסער בעל מדריגה - א "רואה ואינו נראה", און דער אור החיים הק' האט שווער פארארבעט זיך צו קענען זען מיט יענעם פנים אל פנים. ואין המקום להאריך מיט די גאנצע אריכות דארט, וואס מיר האבן נישט געטראפן צו דעם קיין שום פריערדיגע מקור.

לויט די צוויי אויבנדערמאנטע גירסאות, האט דער רב פון שטאט געהייסן שוין ביים סעודה פון שבת בייטאג איינצושפארן דעם אור החיים הק', און ווען דער רב האט געמאכט די עליית נשמה ביי שלש סעודות האט ער שוין גארנישט געהערט אין מתיבתא דרקיע, און הערשט מוצאי שבת האט מען אים מודיע געווען אז ס'טוט זיך א טומל אויבן ווייל דער צדיק הדור זיצט איינגעשפארט און ער קען נישט מאכן הבדלה, און וועגן דעם קען מען נישט צוריק עפענען די גיהנום.

אינגאנצן אן אנדערע גירסה ברענגט דער ספר **'אבקת רוכלים'** (להגה"ח ר' יצחק מתתיהו לוריא זצ"ל) בשם הרה"ק ר' **מרדכי חיים מסלונים** זצוק"ל, אז דער אור החיים הק' איז גאר געווען צוגאסט יענעם שבת ביים רב פון שטאט אליין, און ווען דער רב האט איבערגעזאגט זיינע חידושים ביי די סעודה האט אים דער אור החיים הק' פארבעסערט. איז דער רב אויפגעשפרינגען און געזאגט: "איך בין מוכן צו שווערן אז איר זענט דער רבי חיים בן עטר! ווייל וויאזוי איר האט יעצט געזאגט שטימט סאך פונקטליכער מיט'ן נוסח וויאזוי איך האב עס געהערט אין מתיבתא דרקיע..." שרייבט ער דארט ווייטער, אז ביי שלש סעודות האט דער רב לאנג מאריך געווען בדברי תורה, ביז דער שר הגיהנום איז אים געקומען בעטן אז ער זאל שוין ענדיגן, ווייל ס'איז שוין מוצאי שבת און מ'דארף זיך מזרז זיין צו מאכן הבדלה. אויף די וואונדער פונעם רב, פארוואס?! האט אים דער מלאך מגלה געווען אז יעדע וואך מוצאי שבת וואַרט מען מיט'ן צוריק אנצינדן דעם גיהנום ביז ער ענדיגט מעריב. אנפאנג האט זיך דער רב נישט וויסנדיג געמאכט, אבער ווען דער שר איז געקומען איינמאל נאכן צווייטן, האט זיך דער רב צובייזערט און צושריגן אויף אים: "וואס איז די גרויסע איילעניש?!" און גלייך נאכדעם האט דער רב געהייסן אריינברענגען מים אחרונים און גיין בענטשן, זאגנדיג: "יעצט אז איך בין שוין געווארן אין כעס, דארף ער שוין מער נישט וואַרטן אויף מיר..."

אין ספר **'מאמר מרדכי'** (לקט דברי הרה"ק מסלונים - עמ' שכ) ווערט געברענגט נאך א נוסח פון אַן אנדערע כתב-יד, אז אין די רגע ווען דער רב האט זיך צובייזערט האט זיך געהערט א קול רעש גדול: "ישובו רשעים לשאולה", און די גאנצע וועלט האט געטרייסלט ביז אלע אנוועזנדע דארטן זענען דערציטערט געווארן שפירנדיג ווי זיי שטייען "על פתחו של גיהנום".

ס'זענען דא נאך פארשידענע נסחאות אין די מעשה, און ס'איז שווער פעסטצושטעלן אלע פרטים וואס ווערן געברענגט אין די אלע מיני נסחאות, ואין המקום להאריך בזה.

מערקווירדיג איז וואס ס'ווערט געברענגט אין ספר **'מקור ברוך'** (זאמושט תרצ"א - תולדות הרה"ק רבי ברוך ממעז'יבוז' זי"ע), אז אמאל זענען דרייצן צדיקים געווען ביים הייליגן רבי ר' ברוך מעזיבוז'ער אויף א שבת, צווישן זיי אויך הרה"ק ר' משה צבי מסאווראן זי"ע. פרייטאג צו נאכטס ביי די סעודה האט דער רבי ר' ברוך'ל זיך אנגערופן: "פארוואס האט דער אור החיים הק' מחדש געווען נאר 42 פשטים אויף 'אם בחקותי תלכו'?!..." און תיכף האט ער זיך גענומען זאגן נייע 42 פשטים אויף דעם פסוק. נאכן בענטשן, האבן די געהויבענע געסט די צדיקים זיך צוזאמגענומען איבערצו'חזר'ן די נייע חידושים וואס זיי האבן געהערט ביי די סעודה.

ביי די בייטאג סעודה האט דער הייליגער רבי ר' ברוך'ל געזאגט נאך 42 נייע פשטים אויף דעם פסוק, און נאך די סעודה האבן די געהויבענע געסט זיך געזעצט דאס איבער'חזר'ן כדי דאס נישט צו פארגעסן. ביי שלש סעודות האט דער הייליגער רבי ר' ברוך'ל ווידעראמאל געעפנט זיין מויל בחכמה עילאה מיט נאך 42 נייע חידושים אויף דעם פסוק, און נאכן בענטשן פאר הבדלה האבן די צדיקים זיך געזעצט דאס איבער'חזר'ן.

נאך הבדלה ווען זיי האבן געוואלט גיין אפשרייבן די 126 פשטים וואס זיי האבן זוכה געווען צו הערן דארט שבת, זענען זיי ערשטוינט געווארן צו זען אז קיינער געדענקט נישט קיין אות אחת פון די אלע פשטים! אלעס איז פארגעסן געווארן אין איין רגע...

איז דער הייליגער סאווראנער אריין צום רבי ר' ברוך'ל און געפרעגט מיט צער צו ער האט אפשר עפעס א פגם וואס וועגן דעם איז ער נישט זוכה צו געדענקען די הייליגע חידושים?! האט אים דער רבי ר' ברוך'ל בארואיגט און געזאגט: "די פשטים האבן נאר געדארפט געזאגט ווערן, נישט געשריבן ווערן!"

און פון דעם קענען מיר ארויסלערנען, אז די 42 פשטים וואס דער אור החיים הק' האט געשריבן **האבן יא געדארפט געשריבן ווערן! - - -**

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוויוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com